בלומינגראוו
שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
פ' חקת תשפ"ב
Vol. 36A
United Jewish Community of Blooming Grove Est. 2019

**זמנים**

**חקת**

הדלקת הנרות
**8:17**

סו"ז קריאת שמע
**8:40**

זמן מוצש"ק
**9:44**

# ווילעדזש נעמט אונטער רייע פון זיכערהייט מאָסנאַמען צו באַשיצן טראַפיק און ראָוד סעיפטי

## ספּעציעלע "סעיפטי קאָונס" וועלן אויסגעלייגט ווערן צו אָנצייגן מאָטאָריסטן איבער געפאַר פון ספּידן אויף אונזערע קינדער געבענטשטע גאַסן – אַריבער טויזנט ריפלעקטארס ווערן פאַרטיילט פאַר איינוואוינער איבערהויפּט פאַר די יעצטיגע זומער וואָכן מען מען שפּאַצירט מער אויף די ראודס

שוין אַ לענגערע צייט וואָס אין די קאָרידאָרן פון דעם ווילעדזש אָפיס ווערט באַהאַנדלט די נויטיגע אינציאַטיוון וואָס זאָלן אונטערגענומען ווערן צו פאַרזיכערן די זיכערהייט פון טראַפיק און ראָוד סעיפטי אויף אונזערע גאַסן.

ווי שוין באַריכטעט פאַרלאָפענע וואָך איז אַלס ערשטע און וויכטיגע שריט אינוועסטירט געוואָרן צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן, פון ספּעציעל דעזיגנירטע פאָנדן, צו אינסטאַלירן די סאָפיסטיקירטע "סאלער סטריט" עלעקטערישע באַלייכטונגען, וואָס וועט

(פאַרזעצונג אויף זייט 6)

# זיצונג מיט "אָראַנדזש קאַונטי סוער דיסטריקט" דיסקוטירט נויטיגע אונטערנעמונגען צו אַקאָמאַדירן ערוואַרטעטע אויסברייטערונג אין דעם ווילעדזש

גייענדיג צום דרוק, דעם היינטיגן מיטוואָך חוקת, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג מיט די "אָראַנדזש קאַונטי סוער דיסטריקט" אַגענטור, וואָס פאַרפיגט אויף די סוער אַנגעלעגנהייטן פון אונזער גאַנצע אומגעגנט.

ביי דעם מיטינג האָבן זיך באַטייליגט, דער מעיאָר, דער ווילעדזש אינזשעניר, און די געטרייע געהילפן צום מעיאָר, וואו ס'איז אַרויפגעברענגט געוואָרן די אַקטועלע וויכטיגקייט צו האָבן אַ בליק אויף פאָראויס, אין אַ צייט וואָס די אָראַנדזש קאַונטי סוער דעפּאַרטמענט גייט אַצינד אַריבער אן איבערפרישונג, זאָל מען טאַקע האַלטן פאַר די אויגן אַז דאָ פאָדערט זיך צו אַהערשטעלן אַ דראַסטישע אויסברייטערונג אין דעם סוער באַנוץ, אַז די ליניעס זאָלן קענען דערהייבן דעם אויסטערלישן וואוקס פון איינוואוינער וועלכע וועלן באַזעצן דעם ווילעדזש אין די קומענדיגע יאָרן.

ס'איז אויסגעשמועסט געוואָרן פאַרשידענע דעטאַלן איבער דעם צוקונפט און די וויזיע פון דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, און ס'איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אַז קוקנדיג מיט אַ ניכטערן בליק אויף פאָראויס, וויאַזוי עס בויעט זיך אַ אידיש שטאט לשם ולתפארת, מוז דאָ אַהערגעשטעלט ווערן אַ "קאפּעסיטי" פון אַמווייניגסטנס פינף מיליאָן גאַלאָן סוער, רעזערווירט ביי די אָראַנדזש קאַונטי סוער פּלענט פאַר אונזער ווילעדזש.

אין אַ באַזונדערע אַנטוויקלונג, איז דער ווילעדזש אַצינד פאַרטון אין אַ רייע שריט, ווען מען באַטראַכט די מעגליכקייטן צו פאַרמאָגן אַן אייגענעם ריזן סוער פּלענט, וואָס זאָל נישט זיין אָנגעוויזן אויף דרויסנדיגע הילף פון אַנדערע אַגענטורן און קאַונטיס. אין די יעצטיגע וואָכן זיצט מען מיט גרעסערע אינזשענירונג פירמעס וואו מען קוקט אַריין אין אַלע אָפּציעס און מען באַהאַנדלט די פאָרשלאגן.

די "שטימע" וועט בעז"ה ווייטער האַלטן אינפאָרמירט תושבי עירינו, מיט אַלע אַנטוויקלונגען אין דעם געביט, פאַר דעם גאָלדענעם צוקונפט פון אונזער עיר ואם בישראל.

### ווילעדזש טרעזשערער פון געוועזענע אַדמיניסטראַציע אַריינגעגעבן אָפיציעלע רעזיגנאַציע;

# פראָפעסיאָנאַלע אַקאַונטינג פירמע וועט איבערנעמען אַלע פינאַנציעלע ווילעדזש אַקטיוויטעטן

מיט עטליכע וואָכן צוריק האָט די לאַנגיעריגע ווילעדזש טרעזשערער, מרת האלי בראַון, אַריינגעגעבן איר ענדגילטיגע רעזיגנאַציע פון איר פּאָזיציע אינערהאַלב דעם ווילעדזש האָל, אַ שטעלע וואָס זי האַלט שוין אן 11 יאָר, זייענדיג אַן אינטעגראַלער טייל פון די געוועזענע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע.

אייגנטליך האָבן די געהילפן צום מעיאָר שוין אין די לעצטע תקופה געאַרבעט מיט אַ בליק אויף פּאָראויס, ווען מען האָט רעקרוטירט די פּאָרגעשריטענע און גוט באַקאַנטע bonadio אַקאַונטינג פירמע, אַז זיי זאָלן ענדגילטיג איבערנעמען אַלע גרעסערע און קלענערע אַקטיוויטעטן פון טרעזשערער, אַקאַונטינג און קאָנטראָלער פון אונזער ווילעדזש. סיי די לאַנגיעריגע און סיי די קורצטעמיניגע

די פירמע ספּעציאַליזירט זיך ווירקליך מיט צושטעלן העכסט - געניטע אַקאַונטינג סערוויסעס פאר מוניציפּאַליטעטן לענגאויס אַמעריקע, און די היזיגע ווילעדזש באַאַמטע האָבן אָנגעקניפּט מיט זיי אַ פראדאקטיווע צאַמאַרבעט און פאַרשטענדעניש.

זייערע סערוויסעס קומען באַגלייט מיט סאָפיסטיקירטע טעכנאָלאָגיע וואָס האַלט אַ פּונקטליכע "טרעק" אויף יעדן צענט וואָס קומט און גייט פון דער ווילעדזש קאַסע, פּונקטליך און צייטליך, צו ערמעגליכן אַז דער בודזשעט זאָל זיין באַלאַנסירט אָן קיין דעפעציט און עס טוט גלייכצייטיג פאַרלייכטערן דעם פינאַנציעלן לאַגע פון דעם ווילעדזש.

די יעצטיגע רעזיגנאַציע איז אַ גינסטיגע אַנטוויקלונג, ספּעציעל אין די יעצטיגע פּעריאָד, ווען די אינפלאַציע שטייגט און די ווילעדזש קאסטן גייען אַרויף. מיט די רעזיגנאַציע פון בראַון וועט זיך די ווילעדזש איינשפּאָרן אַריבער פערציג טויזנט דאָלער אין פּעיראָל, אינשורענס, א.א.וו. ווען גלייכצייטיג גיט דאָס די געלעגנהייט אַז אַ פּראָפעסיאָנאַלע אַקאַונטינג טיעם זאל איבערנעמען די פונקציעס, צו פאַרזיכערן אַ רעדוקציע אין די אויסגאַבן, און האַלטן די ווילעדזש טעקס צוגענגליך פאר די איינוואוינער.


ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ אנ"ש לרגל בואם להשתקע בעירינו

הרה"ג ר' **יואל מייזעלס** שליט"א
בן הגה"צ **אבד"ק ראדאוויץ** וחתן הגה"צ
ר' **שלמה יוסף יאזעפאוויטש** הי"ו

ר' **פישל פריעדמאן** הי"ו
ב"ר **משה** וחתן ר' **שלמה פארגעס** הי"ו

ר' **משה מנחם הורוויץ** הי"ו
ב"ר **ברוך** וחתן ר' **יחיאל משה פאללאק** הי"ו

ר' **שמואל מרדכי איינהארן** הי"ו
ב"ר **יוסף דוב** וחתן ר' **יודל נאה** הי"ו

ר' **יואל נחום אייזיקאוויטש** הי"ו
ב"ר **זלמן לייב** וחתן ר' **אליקים חיימאוויטש** הי"ו

ר' **משה דוד פערענץ** הי"ו
ב"ר **אהרן** וחתן ר' **יצחק שטיין** הי"ו

ר' **יעקב יצחק קליין** הי"ו
ב"ר **מנחם צבי** וחתן ר' **יונה פעדער** הי"ו

ר' **מרדכי שבתי ברוין** הי"ו
ב"ר **אליעזר יקיר** וחתן ר' **חיים גליק** הי"ו

ר' **אשר יעקב שווארץ** הי"ו
ב"ר **יהוסף** וחתן ר' **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו

ר' **לוי משה באטניק** הי"ו
ב"ר **ישראל זאב** וחתן ר' **נתנאל מנחם דייטש** הי"ו

ר' **חיים יושע זילבער** הי"ו
ב"ר **אלימלך** וחתן ר' **משה פאללאק** הי"ו

ר' **יעקב דוב מיללער** הי"ו
ב"ר **ישראל** וחתן ר' **הערשל גראס** הי"ו

ר' **יואל בער שווארץ**
ב"ר **אברהם שמואל** וחתן ר' **בנציון אברהם כהן**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין
נייע משפחות, און נייע אידישע הויז
אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף
די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

# "יו. דזשעי. סי." פּרעזענטירט "אַפּיעל" צום העכסטן אַפּעלאַט געריכט פון ניו יאָרק סטעיט אין היסטאָרישן געראַנגל צו באַזאָרגן מוסדות התורה מיט טראַנספּאָרטאַציע אין טעג ווען אַלגעמיינע פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן

אינערהאַלב דעם פאַרצויגענעם לעגאַלן קאַמף פאר די וואוילזיין און רעכטן פון עלטערן אין בלומינגראוו, איז אין אַ מזל'דיגע שעה פּרעזענטירט געוואָרן דעם דינסטאָג פּרשת קרח, ערב ר"ח תמוז, דער אָפיציעלער "אַפּיעל" צום העכסטן אַפּעלאַט געריכט פון ניו יאָרק סטעיט, אַריינגעגעבן דורך די פּראָפעסיאָנאַלע לויערס וועלכע פאַרטרעטן די "יו.דזשעי.סי.", מיט דער האָפענונג צו באַוועגן די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט אַז זיי זאָלן מוזן געבן די בארעכטיגע באָסעס פאר די מוסדות התורה אויך אין די 21 טעג ווען די אַלגעמיינע פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן.

דער קאָסטבאַרער קאַמף דורכאויס די לעצטע תקופה

מיט אַריבער אַ יאָר צוריק איז עס געווען ווען די "יו. דזשעי.סי." האָט זיך אַריינגעלייגט אין דעם קאָסטבאַרן לעגאַלן געראַנגל צו באַוועגן די היזיגע "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" אַז זיי זאָלן באַצאָלן די טראַנספּאָרטאַציע קאסטן פאר די טעג פון דער מיד-ווינטער ריסעס, דער פרילינג ריסעס, די קאנפערענץ טעג ענדע זומער, די גראדועישאן טעג און נאך עטליכע דאַטומס, וואָס קומט אויס 21 טאג ווען די פּובליק שולעס זענען פאַרמאַכט אָבער אונזערע היימישע מוסדות התורה זענען יאָ אָפן. (דאָס רעכנט נישט אריין קיין לעגאלע חגאות, ווען מוסדות זענען נישט בארעכטיגט פאר טראַנספּאָרטאַציע).

תושבי העיר האָבן עס מיטגעהאַלטן פון דער נאָנט, וויאַזוי נאָכדעם וואָס די שלוחי הציבור, אין נאָמען פון אַלע עלטערן, האָבן צוערשט פּרובירט אַלע סאָרט באַמיאונגען און השתדלות זיך צו דורכקומען מיט די פאַרוואַלטונג פון דער סקול דיסטריקט אויף די טעמע, אָן ערפאָלג, האָט מען אַריינגעטראָגן די קלאַגע אין געריכט, כדי צו באשיצן אידיש געלט פון גיין לטמיון און אָפּשטעלן דאָס באַקריוודען היימישע עלטערן פון זייערע מינימאַלע רעכטן.

ווי עס געדענקט זיך גוט איז דעם אָנהויב ווינטער, נאוועמבער 18 למספּרם, ערשינען דער גינסטיגער באַשלוס פון דעם ריכטער מר. ריכטער פיטער לינטש פון דער אָלבאַני סופרים געריכט, וואָס האָט געשאָנקן אַ קלאָרע און היסטאָרישער געווינס פאר חרדי'שע עלטערן, מיט דעם אורטייל אז די פּובליק סקול דיסטריקטס זענען נישט באַפרייט פון דעם פליכט אין טעג ווען זיי זענען פאַרמאַכט. די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט איז דעריבער פאַרפליכטעט צוצושטעלן טראַנספּאָרטאַציע פאר אַלע נישט- פּובליק שולע סטודענטן דורכאויס אַלע טעג ווען די פּריוואַטע מוסדות זענען אָפן.

בשעתו איז דער באַשלוס פון געריכט באַגריסט געוואָרן אומעטום דורך כלל עסקנים און מנהלי המוסדות אַלס אַן אויסטערלישע לאַנג -טערמיניגן דורכברוך וואָס וועט בפּועל אַפעקטירן נישט בלויז בלומינגראוו, נאר אויך אַלע הונדערטער מוסדות התורה איבער גרעיטאָר ניו יאָרק, און וועט פאַקטיש איינשפּאָרן צענדליגער מיליאָנען דאָלאַרן פאר חרדי'שע עלטערן לענגאויס ניו יאָרק סטעיט וועלכע שיקן די קינדער לערנען אין פּריוואַטע שולעס און וועלן באַקומען צוגעשטעלט טראַנספּאָרטאַציע פאר די טעג ווען די פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן.

דער געראַנגל קומט אן אין אַפּעלאַט געריכט

צום באַדויערן האָט מען דערווייל נאָכנישט געקענט געניסן פון דעם אורטייל, צוליב דעם וואָס די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט האָט באַלד דערנאָך אַפּעלירט דעם אורטייל אין דעם נידריגן ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט, וואָס האָט געצווינגען די "יו. דזשעי. סי." צו זיין פאַרוויקלט אין די געריכטליכע סעסיעס און דער נידריגער אַפּעלאַט געריכט האָט טאַקע צוריקגעדרייט דעם אָריגינעלן אורטייל באַשטימענדיג לטובת די סקול דיסטריקט.

די עסקנים ושלוחי הציבור האָבן אָבער נישט אויפגעגעבן דעם וויכטיגן מיסיע, און דערפאַר האָט אונזערע קאָסטבאַרע לויערס אַריינגעגעבן און פּרעזענטירט, דעם דינסטאָג פּרשת קרח, דעם ענדגילטיגן "אַפּיעל", צום העכסטן אַפּעלאַט געריכט אין דער סטעיט אָוו ניו יאָרק, וואו מען קוקט אַרויס אַז ברוב סייעתא דשמיא וועט מען אַרויסגיין מיט אַ זיג פאר די טויזנטער עלטערן תושבי עירינו ותושבי גרעיטאָר ניו יאָרק.

מיט דער הילף פון אונזערע אַדוואָקאַטן האָט מען פּרעזענטירט שטאַרקע אַרגומענטן, וועלכע שלאָגן אָפּ די לעכערליכע טענות פון דעם סקול דיסטריקט. מען האָט אין דעם יעצטיגן "אַפּיעל" אינוועסטירט אַסאַך צייט, געלט און כוחות, אינאיינעם מיט די לאָיערס און די לעגאַלע טיעם, צו אַריינגעבן אַ פּאַסיגע אַנטוואָרט להוציא כאור משפטינו, און געוויס האָפט מען אַז מיט'ן כח האחדות און מיט די ריכטיגע שתדלנות לטובת הכלל זאָל מען ווייטער זען סייעתא דשמיא, צו רעדוצירן די ראַטעס וואָס עלטערן דאַרפן צאָלן פאר טראַנספּאָרטאַציע, לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, ובשם ה' נעשה ונצליח.

דער יעצטיגער "אַפּיעל" איז למעשה די לעצטע און דעצידירנדע אַנטוויקלונג, ווייל נאָכדעם וואָס דער באַשלוס קומט אַרויס פון דעם העכסטן אַפּעלאַט געריכט קען דאָס שוין נישט אַפּעלירט ווערן, איז דעריבער די האָפענונג אַז די אורטייל פון דעם נידריגערן אַפּעלאַט געריכט זאָל זיך אַרויסשטעלן צו זיין לטובה, דערמיט וואָס דער העכסטער געריכט וועט באַשטימען לטובתינו, אַזוי אַז דער סקול דיסטריקט וועט דאָס שוין מער נישט קענען צוריקדרייען.

די יו. דזשעי.סי. וועט ווייטער אינפאָרמירן די איינוואוינער מיט אַלע נויטיגע אַנטוויקלונגען אין דעם אָנקלאַגע ביז צו די האָפנטליך-פּאָזיטיווע ענדע, ויה"ר שתשרה שכינה במעשי ידינו ויוציא לאור דינינו לטובה.

**ובשם ה' נעשה ונצליח!**

## אין דער סעריע פון: "את כל התלאה אשר מצאתנו":

# פּראַפּערטי טעקס העכערונגען ווערט געטריבן פון האַס און דיסקרימינאַציע קעגן אידישע לאַנד און היים אייגנטומער

דער פאַרלאָפענער מאָנאַט, מאי למספּרם, איז דער מאָנאַט וואָס איז באַשטימט דורך די טאַון, צו איבערגיין דעם "טעקס עסעסמענט" וואָס טוט דערנאָך באַשטעטיגן די סכום פון פּראַפּערטי טעקס פאר טאַון איינוואוינער. וויפיל יעדע פּראַפּערטי אייגנטומער זאל דאַרפן באַצאָלן פאר שטייערן, וואָס דער גרעסטער טייל דערפון גייט פאר די טאַון און סקול טעקס.

מיט אַ צייט צוריק איז ליידיג געוואָרן אַ פּאָזיציע אינערהאַלב די "טעקס עסעסמענט" קאָמיטע פון דעם טאַון אָוו בלומינגראוו, וואָס פאַרפיגט אויף די אָפּשאַצונגען פון פּראַפּערטיס און הייזער.

די "יו. דזשעי. סי." האָט דעמאָלט זיך געמאָלדן צום טאַון סופּערווייזער און צו דעם טעקס באָורד, מיט אַ ביטע אַז זיי זאָלן אויסקלויבן כאָטש איין מיטגלידער אין דעם קאָמיטע, וואָס זאָל פאַרטרעטן דעם היימישן ציבור. אונזער געטרייער שליח ציבור, הר"ר אלימלך שמשון שוואַרץ הי"ו, וועלכער דינט אַלס טאַון קאָנסילמאן האָט פּערזענליך אַגיטירט ביי די באַאַמטע אַז זיי זאָלן האָבן די איינזעהניש און טון דאס פאַרשטענדליכע, זיך רעכענען מיט די הונדערטער אידישע איינוואוינער, וועלכע האָבן ביז היינט נישט קיין שום פאַרטרעטונג אין דעם קאָמיטע.

צום באַדויערן איז אונזער ביטע געפאַלן אויף טויבע אויערן. די טאַון האָט אַנשטאָט אויפגענומען אַ צווייטן אויף דער פּאָזיציע. אָבער טראָץ דעם אַלעם האָבן די עסקנים זיך אַריינגעוואָרפן צו פּרובירן טון דאָס מאַקסימום להציל ממון ישראל.

אין די טעג טעג בעפאָר דעם אָפיציעלן אָפּשטימונג פון דעם קומענדיגן יאָר טעקס, איז אונזער שליח, ר' אלימלך שמשון שוואַרץ הי"ו, געזיצן לאַנגע שעות, סיי אין דעם טאַון האול, און סיי אין די יו.דזשעי. סי. הויפּטקוואַרטירן, צו איבערגיין און אַנאַליזירן "טעקס ביללס" פון איינוואוינער, כדי צו פּרובירן העלפן בעצה ותושי' אַז די שטייערן זאלן בלייבן סטאַביל.

ס'איז אָבער טרויעריג באַקאַנט ביי אַלעמען אַז די זעלבע עלעמענטן וועלכע האָבן בשעתו געגרונדעט דעם ווילעדזש מיט דער ציל פון "פּן ירבה", צו אָפּשטעלן דעם חרדי'שן וואוקס, זיצן אַצינד אין דעם טאַון פּירערשאַפט און ס'איז דעריבער פאַרשטענדליך אַז זיי האָבן בייזוויליג אָפּגעזאָגט אַלע שתדלנות בדרכי נועם, און האָבן איינפאַך געהויבן די טעקס פאַר פילע אידישע אייגנטומער אויף אַ דראַסטישן פאַרנעם, אָן זיך קימערן מיט די זאַכליכע פאָרשלאגן פון די היימישע שתדלנים.

אַלס אַ ביישפּיל פון אַן אָפענע אינצידענט וואָס מען האָט לעצטנס מיטגעהאַלטן איז געווען ווען די "עסעסערס" פונעם טאַון האָבן דירעקט אויסגעקליבן עטליכע אידישע הייזער און פּראַפּערטיס, וועלכע האָבן זיך גאָרנישט געטוישט פון פאַראַיאָר, נישט אויסערליך און נישט אינערליך, און קיין שום קאָנסטראָקשאָן איז דאָרט נישט געטון געוואָרן. אָבער וויבאַלד זיי באַלאַנגען אונטער אַ אידישע אייגנטומערשאַפט איז דערויף דראַסטיש געהויבן די טעקס.

ווען די הויז אייגנטומער זענען אַריבערגעקומען צום "טעקס באָורד" און געבעטן אַן ערקלערונג פאַרוואָס פאר זייערע שכינים האָט מען נישט געהויבן די שטייערן, האָט מען זיי פּשוט געלאַכט אין פּנים מיט דעם אויסרייד אַז "איר אידן קענט דאך היינט פאַרקויפן דאָס הויז פאר אַ גרויסע סומע, אַזוי ווי איר טוט יעדן טאָג, דאַרף מען אייך העכערן די טעקסעס".

ווען מען האָט געפרעגט פון דעם באָורד אַז אויב דאָס איז די אורזאַך פאַר'ן העכערן שטייערן, דעמאָלט דאַרף מען דאָך אויך העכערן פאר די גוי'אישע שכינים דאָס זעלבע, איז דער אַנטוואָרט געווען אַ ציניש גלייכגילטיגקייט. קיין שום תחנונים האָט נישט געווירקט.

צו דער זעלבער צייט הערט מען צוריק פון מערערע תושבים אַז די ספּעציעלע "טעקס עסעסמענט" באָורד פון דעם טאַון, פּאָרט לעצטנס אַרום כאַפּן בילדער פון אידישע הייזער, אויך פון אַזעלכע הייזער וועלכע זענען נישט אין קיין שום קאָנסטראָקשאָן, מיט אַ סיסטעמאַטישן ציל צו הייבן די "וועליא" פון אידישע פּראַפּערטיס, און באַזירט אויף די בילדער זאָל מען דערנאָך דראַסטיש העכערן די טעקס פאַר אידישע אייגנטומער.

די "יו. דזשעי. סי." איז אין פאַרבינדונג מיט לעגאַלע עקספּערטן און אַדוואָקאַטן, צו באַטראַכטן אַלע אָפּציעס וויאַזוי מען קען בעז"ה רעאַגירן צו די אומבאַרעכטיגטע אַנטוויקלונגען. מען איז עוסק בעצה ותושי' להציל עשוק מיד עשקו און צו מונע זיין שאָדנס פאר אחינו בני ישראל תושבי עירינו המעטירה. פּרטים יבואו אי"ה.

> אריינצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער, הערות געדאנקן ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף:
> **BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

# סטעיט קאָנטראָלער שטאַב קאָנפערירט מיט ווילעדזש אַדמיניסטראַציע איבער רייע וויכטיגע אינציאַטיוון פאר די צוקונפט פון אונזער שטאט

אַ העכסט פראדאקטיווער און עפעקטיווער מיטינג איז דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג פר׳ קרח אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם שטאַב פון דעם סטעיט קאָנטראָלער אָוו ניו יאָרק, מר. טאמאס דינאפאלי, אינאיינעם מיט׳ן מעיאָר און אטורניס פון אונזער ווילעדזש, מיט דער אָנוועזנהייט פון די היימישע געהילפן צום מעיאָר, וואו ס׳איז דוסקיטירט געוואָרן אַ סעריע פון וויכטיגע רעגולאַציעס און אונטערנעמונגען וואָס ווען בעז״ה זיין שטאַרק בייהילפיג פאַר׳ן ווילעדזש.

דער אָפיס פון דעם ניו יאָרק סטעיט קאָנטראָלער האָט פאָרגעלייגט עטליכע אינציאַטיוון וואָס ווערן אַצינד צוגעגרייט. ס׳איז דערביי אויסגעשמועסט געוואָרן די לעגאַלע און טעכנישע טערמינען וואָס דאָס וועט עפעקטירן צום גוטן דיווירטשאַפט פון דעם ווילעדזש און עס וועט גלייכצייטיג בעניפטירן די היזיגע איינוואוינער.

באַזונדער איז ערוועגט געוואָרן די דעטאַלן אַרום דעם פינאַנציעלן פיסקל צושטאַנד פון דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו. דער קאָנטראָלער׳ס שטאַב האָט גאָר שטאַרק אַרויסגעהויבן זייער וואונדער און התפעלות וויאַזוי אַזאַ יונגע אַדמיניסטראַציע האָט באַוויזן דאָס אומגלויבליכע, שטייענדיג נאָך אַ יאָר פון אינפלאַציע מיט דראַמאַטיש - שטייגענדע קאָסטן, איז דער ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו געווען פון די איינציגע מוניציפּאַליטעטן וועלכע האָבן באוויזן נישט צו הייבן קיין שטייערן און אָנהאַלטן אַ באַלאַנסירטע ספּענדינג בודזשעט, וואָס האָט אָבער נישט צוריקגעהאַלטן די אַקטיווע שריט פון אַרויסהעלפן און באַגלייטן די איינוואוינער אויף אַזויפיל געביטן.

די זיצונג האָט זיך געשלאָסן אין אַ העכסט פּאָזיטיווע שטימונג, ווען די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע האָבן דערביי אָנגעקניפּט נאָענטע באַציאונגען מיט די סטעיט באַאַמטע, מיט אַ געמיינזאַמע וויזיע צו אָנהאַלטן דעם פּראדאקטיווען ליניע פון בויען און פאַרברייטערן אונזער ווילעדזש לשם ולתפארת.

# סקול דיסטריקט באָורד באַשטימט אומבארעכטיגע דראַסטישע העכערונג פון סקול בודזשעט

דעם פאַרלאָפענעם מאי 17 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די "סקול באָורד עלעקשאָנס" אינערהאַלב דעם וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט, וואו עס זענען אריינגעוועלט געוואָרן דריי נייע מעמבער, און ס׳איז גלייכצייטיג אויך באַשטימט געוואָרן די סקול בודזשעט אויפ׳ן קומענדיגן למספרם יאָר.

צום באַדויערן האָט די דיסטריקט ווידעראַמאָל זיך נישט גערעכנט מיט די איינוואוינער, און זיי האָבן אומבאַרעכטיגט געהעכערט דעם בודזשעט מיט אַזויפיל ווי 7,519,890 דאָלער, וואָס באַדייט אַז די "סקול טעקס" פון יעדן איינוואוינער אין דעם גאַנצן דיסטריקט וועט געהעכערט ווערן מיט אַ הימלשרייענדע 1.8 פּראָצענט, דאָס איז פאַקטיש א דראַסטישע העכערונג פון קרוב צו צוויי פּראָצענט! וואָס איז נישט באַזירט אויף קיין שום רעאַליטעט אָדער זאַכליכע ציפערן.

די העכערונג אין דעם בודזשעט קומט אין אַ צייט וואָס לויט די אָפיציעלע צענזוס ציפערן ווערט דער סקול דיסטריקט ליידיגער מיט יעדן פארבייגענדן יאָר, וואָס באַדייט אַן ערנסטע רעדוקציע אין די אויסגאַבן פון די סקול. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן דעם באָורד פון אויפהייבן דעם ספּענדינג בודזשעט מיט זיבן און אַהאַלב מיליאָן דאָלער, אָן דאָס מינדסטע איינזעהניש מיט די שטייער צאָלער פון דעם גאַנצן געגנט.

צום באַדויערן איז די לאָקאַלע "סקול דיסטריקט" שוין טרויעריג באַקאַנט מיט איר לויזע און אומ׳אחריות׳דיגע ווירטשאַפט, וואָס עפעקטירט דירעקט די איינוואוינער. צווישן אַנדערע איז גענוג אָנצומערקן אַז די סקול דיסטריקט זיצט מיט אַריבער פערציג מיליאָן יאָר דאָלער אין רעזערוו קאַסעס, בלויז פאר אַזעלכע געברויכן ווי פּענסיעס און אַנדערע אומנויטיגע פאָנדן, אויפ׳ן חשבון פון די שטייער צאָלער.

ס׳איז דער האָפענונג אַז מיט אַסאַך סייעתא דשמיא און בכח הציבור וועט בעז״ה ערמעגליכט ווערן אין דעם לאַנגן טערמין קלענערע און גרעסערע עפעקטיווע שריט, וואָס זאָל ענדגילטיג ברענגען די געוואונטשענע שינויים לטובה פאר די וואוילזיין און רעכטן פון איינוואוינער אינערהאַלב דעם גאַנצן דיסטריקט.



אכטונג פאר די זיכערהייט פון אונזערע גאסן:

**ביטע פארקירט נישט אייער קאר נעבן די קאונס, וואס טוט פארקריפלען די טרעפיק פלוס, און פארשווערט פאר די דרייווער!**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

# ווילעדזש נעמט אונטער רייע פון זיכערהייט מאָסנאַמען צו באַשיצן טראַפיק און ראָוד סעיפטי

(פאַרזעצונג פון ערשטע זייט)

אַסאַך פאַרלייכטערן דאָס דרייוון סעיף אויף די טונקעלע אונטערסעקשאנס און עס וועט פאַרמיידן אומאַנגענעמליכקייטן בעז"ה.

אָבער אין צוגאָב איז שוין מערערע מאָל אַרויפגעברענגט געוואָרן אין דעם ווילעדזש די טעמע פון דרייוון שנעל אויף די לאָקאַלע גאַסן, וואָס קען חלילה זיין גאָר געפאַרפול ה"י. איבערהויפט אין די יעצטיגע זומער וואָכן, ווען אונזערע ראָודס זענען ב"ה פול מיט לעבעדיגע קינדערלעך, וועלכע שפילן און פאַרברענגען זאָרגלאָז אויף אַלע גאַסן, און צומאָל טוען מאָטאָריסטן נישט באַגרייפן דעם געפאַר, פאָרנדיג שנעלער ווי די ערלויבטע לימיט אויף די צענטראַלע גאַסן, וואו מען קען זייער שווער באַמערקן מענטשן אָדער קינדער שפּאַצירן אָדער שפּילן זיך אויפ'ן ראָוד.

די באָורד אָוו טראָסטיס האָט אין די לעצטע תקופה באַהאַנדלט פילע געדאַנקן וועלכע זענען אַרויפגעברענגט געוואָרן צו לעזן דעם פּראָבלעם. מען האָט באַטראַכט פאַרשידענע פאָרשלאגן און געהערט קאָמענטאַרן פון איינוואוינער. צ.ב.ש. האָבן דרייווערס זיך אָפּגערעדט אַז די "ספּיד באָמבס" איז למעשה נישט קיין לעזונג פאר דעם פּראָבלעם, אָבער גלייכצייטיג שאָדט דאָס פאר די רעדל פון די קאַרס.

ענדגילטיג איז באַשטימט געוואָרן צו אונטערנעמען אַ רייע פון מאָסנאַמען, צו ברענגען מער אויפמערקזאַמקייט ביי מאָטאָריסטן, צו אַכטונג געבן ווען מען פאָרט אויף די לאָקאַלע ווילעדזש גאַסן. צווישן אַנדערע וועט אַראָפּגעלייגט ווערן ספּעציעל דעזיגנירטע "סעיפטי קאונס", צו דערמאַנען דרייווער צו פאָרן מער לאַנגזאַם. די קאונס וועלן אַראָפּגעשטעלט ווערן אינמיטן פון די ראָודס, אויף אַ פּאַסיגע פּאָזיציע, וואָס זאָל נישט שטערן דאָס דרייוון. עס איז פּראָדוצירט געוואָרן פון אַ היי-טעק רעפלעקטינג מאטריאל וואָס קען אויך געזען ווערן אין די טונקעלע נאַכט שטונדן פון אַ ווייטע שטרעקע.

זאל טאַקע אָנגעמערקט ווערן אַז אַלע קאונס זענען פּראָדוצירט און געקויפט געוואָרן ביי אַ לאָקאַלע בלומינגראווער פירמע, ווען דער ווילעדזש האַלט זיך געטריי צום פּרינציפּ פון שטיצן די היימישע עקאָנאָמיע, וואָס טראָגט דעם חותם פון "מעיד אין בלומינגראוו", צו קויפן ביי אונזערע אייגענע איינוואוינער, וחי אחיך עמך.

צו דער זעלבער צייט האָט דער ווילעדזש, אויפ'ן פאַרלאַנג פון די געטרייע "חברה הצלה", פריש באַשטעלט אַ גרויסע שיפּמענט פון אַריבער טויזנט רעפעלעקטערס, לטובת ולתועלת תושבי העיר.

אין די קומענדיגע טעג וועט אונטערגענומען ווערן אַ וויכטיגע "רעפלעקטער ונשמרתם דרייוו", צו פאַרטיילן דעם גרויסן קוואַנטום פון דויערהאַפטיגע העכסטע קוואַליטעט רעפלעקטערס פאר מענער, פרויען און קינדער, גענצליך בחנם אין כסף. מען וועט דאָס קענען אויפּפּיקן אין "ווילעדזש האָלל" און עס וועט אויך זיין צו באַקומען אין די גרעסערע בתי מדרשים, צו מוטיגן דאָס באַנוץ פון רעפלעקטערס, אַ קליינע שריט וואָס קען ראַטעווען לעבנס!






די ווילעדזש באָורד אָוו טראָסטיס זענען ווייטער שטענדיג גרייט צו הערן סיי וועלכע הצעות און קאָמענטאַרן אַנבאַלאַנגט טראַפיק און סעיפטי אויף אונזערע ראָודס, און מיר וועלן טון אַלעס וואָס מעגליך צופרידנצושטעלן תושבי עירינו מיט אחריות און זיכערהייט, והשי"ת ישמור צאתנו ובואנו.

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ **אב"ד ראדאוויץ** שליט"א
לרגל אירוסי נכדתו למז"ט

ר' **אברהם יעקב מאשקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי נכדתו למז"ט

ר' **חיים ברוך גאטערער** הי"ו
לרגל נישואי נכדו למז"ט

ר' **שמשון אליעזר מינץ** הי"ו
לרגל נישואי נכדתו והולדת נינו למז"ט

ר' **יצחק דניאל גברא** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **שמואל הערש ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **ישראל שלמה פריעדלענדער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שלמה אפרים סאנדעל** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **אלי' מינץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדיו התאומים למז"ט

ר' **אברהם יודא אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **משה יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **אלי' לאנדא** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **דוד יצחק קליין** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **אלעזר הלוי גרובער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יואל סאאל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **ישראל קעלער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

הבה"ח **קלמן אליעזר עקשטיין** הי"ו
לרגל אירוסיו למז"ט

ר' **ברוך שטעסל** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יואל וואגשאהל** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יהוסף שווארץ** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **טובי' מאיר אינדיג** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **חיים גליק** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **נתנאל מנחם דייטש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **ישראל שלום קויפמאן** הי"ו
לרגל הולדת בניו התאומים למז"ט

ר' **יעקב יצחק קעסטענבוים** הי"ו
לרגל הולדות בנו למז"ט

ר' **גבריאל חיים ברים** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר **דוב בער מרגליות** שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **חיים הערש לעווי** הי"ו
לרגל הולדת בתו והכנסת בנו לעווהתומ"צ למז"ט

ר' **אברהם שלום בינער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **אלימלך שמשון שווארץ** הי"ו
לרגל הולדת בתו ותגלחת בנו למז"ט

ר' **מאיר הכהן גראס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **מאיר רוטנער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **שלום דוד פריעד** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **עמרם נתן פעלבערבוים** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעווהתומ"צ

ר' **הערשל פאכמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעווהתומ"צ

ר' **חיים ברוך דיימאנד** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעווהתומ"צ

ר' **יואל טאבאק** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעווהתומ"צ

הר"ר **יוחנן טווערסקי** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **וועלוול גאלד**מאן הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **שלמה יודא איידליס** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **חיים יעקב גאלדשטיין** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **אפרים יושע האלפערט** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **נחמי' הערצאג** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **יואל בער שווארץ** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת**




BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949